# זע ווי שיין

שמעטערלינגען טאַנצן אום,
זע ווי שיין, זע ווי פריי,
לאָז מיך נעמען דיך באַם, האַנט,
דער טאָג גייט באַלד פאַרביי.

אַלץ ווערט טונקל, אַלץ ווערט גרוי,
באַכט קומט אָן פון אומעדום,
זעסט דעם קליינעם שמעטערלינג
שליענדיק זיך צו אַ בלום ?

לאָז מיך נעמען דיך באַם האַנט,
רייד צו מיר מיט ליבע רייד,
ביז די שעה איז פאַר אונז ניי,
זאָג אַ ליגן, רייד פון פרייד,
דער טאָג גייט באַלד פאַרביי.

# איך בין טרויעריקער פון אַלע האַרבסטן

איך בין טרויעריקער פון אַלע האַרבסטן,
און האָב מורא זיך אָנקוקן אין וואַסער באַ מײַנע פיס,
דאָרט שפיגלט דער האַרבסט אין זיין רייפקייט צוזאַמען.
שפרייט גאָלדענע בלעטער פאַר זיינע אייגענע טריט.

דאָס האַרץ פון דער זון איז פאַרכישופט און קראַנק,
דורך דעם געבעט פון די בלעטער און ריחות געטראַנק,
און זי שפרייט ווי אין חלום איר זילבער געמיש,
צום שפיגל פון וואַסער באַ מײַנע פיס.

עס איז לייכט צו דערוועקן מיט חלום און ווינט,
דעם שאָרך פון די בלעטער, די פרייד פון אַ קינד,
מיך דערמאָנען די בלעטער אָן אַלץ וואָס פאַרשווינט,
מיך אייגן בשוויין איז דער האַרבסטיקער ווינט,
און איך בין טרויעריקער פון אַלע האַרבסטן.

# שטיל און פרום

שטיל און פרום,
שטיל און פרום,
גייט די נאַכט
אַזוי אָרום.

נאָר די גרילן,
גרילן, גרילן,
נאָר די שטערן
פינקלען, שפּילן.

נאָר אין טייכן
פון אַרום
קוואַקען זשאַבעס
שטיל און פרום.

נאָר פון וואַלד
די שאָטנס פאַלן,
אויף די בערג
און אויף די טאָלן.

און די לבנה
אין איר פּראַכט,
שפּאַנט אַרום
און היט די נאַכט.

# אַזוי שיין

אַזוי שיין אַזוי שיין,
די נאַכט וועט אייביק אַזוי שטיין,

צוגעבונדן מיט אַ שלייף
אין אַ גאָלדענעם רייף,

דעם גאַנצן הימל פאַרכאַפּט,
מיט מיליאָנען שטערן צוגעקלאַפּט

אַזוי חכמה׳דיק שיין,
די נאַכט וועט אייביק אַזוי שטיין,

## פֿאַרנאַכט אין די בערג

עס האָבן באַרג צו באַרג זיך צונעפֿטוליעט.
און איבער זיי דער וואַלד
האָט זיך מיט נאַכט פֿאַרדעקט
און איינגעשלאָפֿן.

אין דער ווייטנס בלאַ אַ ווייט,
האָט דער הימל צו דער ערד זיך צוגערוקט
און ביידע האָבן אויסגעהערט
די שטילקייט פֿון דער וועלט.

## טאָג מיט רעגן

אַז דער טאָג שטייט אויף מיט רעגן,
און ווײַנט מיט דינעם שפּרײַ איבער די דעכער;
שטיי איך אויף מיט ליד אויף ליפּן
און זינג אַ ליד אַזאַ:

ווי עס ווײַנט דער רעגן מיט דינעם שפּרײַ
איבער די דעכער,

ווי ערבעס ווייט אויף געפֿעלדיקע יאַמען,
שווימען איצטער שיפֿן אום
ווי שלעפֿערדיקע שוואַנען.

ווי עס שנײַדען דורך די גרויע לופֿט,
צוויי ווײַסע פֿליגל פֿון אַ טויב,
און ווי די אײַדעלע וואַסער־שנורן
ציִען זיך פֿאַרטרויליך איבער מײַן שויב.

# ס'איז דיין וועלט

ס'איז דיין וועלט, אויך מיין וועלט,
און איר ווינט, אויך מיין ווינט;
איך גיי געשטראָפּט דורך איר וועג,
ווי א וויינענדיק קינד.

אויב ס'איז מיינע די ווינט
און ס'איז דיינע די שטראָף,
און מוזט מיך פירן אזוי
ווי אונטער חלף אַ שאָף.

איז מאַך מיך בלינד, מאַך מיך שטום,
דעם נאָמען מענטש פון מיר מעק אָפּ —
איך שעם זיך גיין אונטער דיין זון
מיט אַזאַ ליכט איבער מיין קאָפּ.

קינ'ס שאָבר אויף דיין וועלט,
הבל'ס בלוט אויף יעדנס הענט;
און געיאָמער פון מאָרד
אויף אַלע טירן און ווענט.

בעסער שפּרייט איבער דיין וועלט,
שוואַרצע וואָלקן געוועב,
און מאַך פינסטער דעם רוים
איבער אונזערע קעפּ.

און פאַרכושע דעם פלאַם,
און לעש אויס איר געביין,
און צי זיך אויס איבער איר אַש,
ווי אַ הונט אין געוויין.

# וויג ליד

גרין דער בוים איבער דיין בעט,
די צווייגן, שטילע, וויגן;
איך זינג דאָ אויס אַ ליד צו דיר,
אָן ווערטער און אָן ניגון.

איך בעט דאָ אויס א בעט פאַר זיך,
אויף לאַנגער נאַכט צו שלאָפן;
עס קען דער גרינער בוים מיין ליד,
דעם ניגון און די סטראָפן.

איך האָב דיך פריער איינגעוויגט
און לייג זיך איצט אַנידער;
איך וועל אַ מידע איינשלאָפן,
מיט רו אין אַלע גלידער.

ניט אויפוועקן וועט קיינער אונדז,
פון לאַנגן שטילן דרימל;
דורך גרינעם בוים וועט דורכלויכטן,
קאַלט און בלוי דער הימל.